**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטייענדיג אין 'ערד וואך', אנאנסירט גאווערנער האקול 60 מיליאן דאלאר פאר נייער גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענט פראגראם**

***גרענט פראגראם צו פינאנצירן גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקטן, אריינרעכענענדיג גרינע דעכער, גרינע געסער און אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער***

***שטופט פאראויס ארומנעמיגע שטאנדהאפטיגקייט פלאן אין גאווערנער האקול'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע***

***אפליקאציעס ווערן זיך עפענען מאי 1***

אין פייערונג פון 'ערד וואך', האט גאווערנער קעטי האקול היינט אנאנסירט אז 60 מיליאן דאלאר זענען דא צו באקומען פאר די ערשטע רונדע פון א נייער 'גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענט' פראגראם. דער נייער פראגראם וועט גיבן גרענטס פאר פארלייצונג-אויסגעשטעלטע קאמיוניטיס און זיי העלפן אונטערנעמען נייע סארטן גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקטן, ווי גרינע דעכער, גרינע געסער און אויספלאסטערונג וואס לאזט אריבער וואסער. די שריט שטופן פאראויס די גאווערנער'ס ריינע וואסער און שטאנדהאפטיגקייט פלאן אנאנסירט אין איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע.

"עקסטרעמע וועטערס זענען געווארן א רעגלמעסיגע ערשיינונג אין אונזער סטעיט, און שטארקע און שטאנדהאפטיגע אינפראסטרוקטור איז אונזער ערשטע שיכט פון פארטיידיגונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר טוהען אגרעסיוו רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס אריבער ניו יארק, און גלייכצייטיג דארפן מיר זיך גרייטן פאר קומענדיגע שטורעמס. דער גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענט פראגראם איז א וויכטיגע טריט צו בויען מער דויערהאפטיגע אינפראסטרוקטור און באשיצן אונזערע קאמיוניטיס פאר פילע קומענדיגע דורות."

GRG איז א פראגראם וואס גיבט גרענטס פאר די בעסטע אפליקאציעס, אויסגעשטעלט צו שטיצן קאמיוניטיס ביים דורכפירן טראנספארמאטיווע גרינע אינפראסטרוקטור פראיעקטן און גיבן בענעפיטן ווי:

- **זיכערערע, מער שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס:** פארגרינגערן די סכנות פון פארפלייצונגען צו בעסער באשיצן אונזערע היימער און ביזנעסער.
- **ריינערע וואסער און לופט:** רעדוצירן און רייניגן שטורעם וואסער ביי די מקור.
- **קילערע שטעט:** רעדוצירן די שטאטישע 'היץ אינזל אפעקט' צו שאפן א באקוועמערע סביבה.
- **בליהענדע עקאלאגישע סיסטעמען:** אויפרעכטן פלעצער וואס זענען א וואוינונג פאר באשעפענישן/פלאנצונגען צו צוריקברענגען נאטור צו קאמיוניטיס.
- **לעבהאפטיגע קאמיוניטיס:** פארשענערונג צו צוציהען אינוועסטירונג און אויפלעבן געגנטער.

גאווערנער האקול האט אנאנסירט די גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענט (Green Resiliency Grant, GRG) אין איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע און אין איר עקזעקיוטיוו בודזשעט אלס טייל פון אן ארומנעמיגע שטאנדהאפטיגקייט פלאן און שריט צו היטן אויף ריינע וואסער. GRG ווערט פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC). אפליקאציעס ווערן זיך עפענען אום מאי 1 אויף די EFC'ס וועבזייטל. דער פראגראם ווערט פינאנצירט דורך א געמיש פון די גאווערנער'ס היסטארישע צוזאג פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור און דער NYS ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ (Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act) פון 2022.
די EFC האט ארויסגעגעבן ערשטיגע בארעכטיגונג כללים פאר די פובליקום צו לאזן קאמענטארן אויף זיי אנגעהויבן אין מערץ. די EFC האט זיך באנוצט מיט די קאמענטארן וואס זענען צוריקגעהערט געווארן פון די פובליקום אויף די ערשטיגע בארעכטיגונג כללים צו גיבן געדאנקען פאר די אנטוויקלונג פון דעם פראגראם.

GRG קען פינאנצירן ביז 90 פראצענט פון די קאסטן פון בארעכטיגטע פראיעקטן, מיט א מאקסימאלע גרענט פון 10 מיליאן דאלאר. GRG פראיעקטן מוזן האבן א מינימאלע סך הכל פראיעקט קאסט פון 1 מיליאן דאלאר און האבן א פאזיטיווע השפעה אויף א מינימום פון 100,000 קיוּביק פיס פון שטורעם וואסער אפלויף יערליך. בארעכטיגטע פראיעקטן רעכענען אריין די וואס אדרעסירן אויסגעמישטע און/אדער שמוציגע סוּער איבערפלוס דורכאויס עקסטרעמע וועטערס און די וואס מישן אויס גרינע אינפראסטרוקטור און נאטור-באזירטע אייגנשאפטן צו פארזיכערן קלימאט-שטאנדהאפטיגע אינפראסטרוקטור.

**EFC פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאלמאן, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול פארשטייט אז עס איז קריטיש צו צושטעלן פאר קאמיוניטיס פינאנציעלע הילפס-מיטלען צו פאראויס שטופן ארבעט'ס-גרייטע פראיעקטן וואס מאדערניזירן אונזער אינפראסטרוקטור און מאכן אונזערע קאמיוניטיס מער שטאנדהאפטיג קעגן פארפלייצונגען און אנדערע קלימאט ווירקונגען. די פינאנצירונג וואס איז היינט אנאנסירט געווארן וועט פאראויס שטופן וועזנטליכע וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקטן אריבער די סטעיט וואס וועלן זיכער מאכן אז אונזערע פובליק וואסער סיסטעמען זענען באשיצט און אז מיר זענען בעסער צוגעגרייט צו ביישטיין די קומענדיגע שווערע שטורעם."

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) צייטווייליגער קאמישאנער, שאן מאהאר, האט געזאגט,** "ביים ערפילן נאך א פארשפרעך פון די 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע צו העלפן פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע קאמיוניטיס, טוהען גאווערנער האקול'ס שריט ערמעגליכן מער ניו יארקער צו באקומען די ענווייראמענטאלע, געזונטהייט, עקאנאמישע און שטאנדהאפטיגקייט בענעפיטן פון גרינע אינפראסטרוקטור. די DEC קוקט ארויס צו ארבעטן בשותפות מיט די EFC און מיט קערפערשאפטן וואס וועלן פאטענציאל באקומען גרענטס פאר פראיעקטן וואס וועלן פארשטערקערן און פארבעסערן אנטיילנעמנדע קאמיוניטיס און זיי העלפן בליהען."

**שוואכערע קאמיוניטיס**
דער ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ פארלאנגט אז שוואכערע קאמיוניטיס זאלן באקומען נישט ווייניגער פון 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון די בענעפיט פון די סך הכל פון 4.2 ביליאן דאלאר אין ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ געלטער.

"שוואכערע קאמיוניטיס" זענען די וואס זענען אידענטיפיצירט דורך די 'קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופּע' (Climate Justice Working Group), לויט דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג

[געזעץ](#) (Climate Leadership and Community Protection Act). די EFC האט אוועקגעשטעלט א 40 פראצענטיגע ציהל פאר דעם GRG גרענט פראגראם אין אײנקלאנג מיט די פאדערונג צו בענעפיטירן שוואכערע קאמיוניטיס.

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט**
ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארגרעסערן אירע לאנד'ס-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, אריינרעכענענדיג [325 מיליאן דאלאר אין גרענט געלעגנהייטן](#) וואס זענען ארויסגעלייגט געווארן אין יאנואר. מיט 500 מיליאן דאלאר צוגעטיילט פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין די דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט פאר 2024-2025 אנאנסירט דורך גאווערנער האקול, וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור צווישן 2017 און היי יאר. גאווערנער האקול'ס 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע איניציאטיוו האט פארמערט וואסער אינפראסטרוקטור גרענטס פון 25 צו 50 פראצענט פון די סך הכל בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן פאר סוּער וואסער פראיעקטן כדי צו העלפן שטיצן קלענערע קאמיוניטיס. כדי צו איינשפאנען די כוח פון די אינוועסטירונגען און פארזיכערן אנגייענדע קאארדינאציע מיט לאקאלע רעגירונגען, האט די גאווערנער אויסגעברייטערט די EFC'ס 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' ( Community Assistance Teams) כדי צו העלפן קליינע, שטעטלישע און שוואכערע קאמיוניטיס צו איסנוצן די פינאנצירונג און אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייערע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן איז געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC [דא](#).

דער וויילער-באשטעטיגטער 4.2 ביליאן דאלארדיגער ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו איסשטיין שווערע שטורעמס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; איופרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן וואוינען; און היטן איוף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. די ערשטע פינאנצירונג אונטער דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ איז פארטיילט געווארן דורך די EFC אין דעצעמבער דורך די וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג ( Water Infrastructure Improvement) און אינטער-מוניציפאלע גרענט (Intermunicipal Grant) פראגראמען, ווען גאווערנער האקול האט אנאנסירט [479 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 156 פראיעקטן](#) אריבער ניו יארק סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)